# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:24
מוצאי שב"ק....................6:52

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................איוב כ"ד-כ"ה
בבלי.................חולין פ"ח
ירושלמי..........שביעית כ'
תוספתא............ברכות פרק ג'
רמב"ם.....פסולי המוקדשין י"ב


פרשת תשא, י"ח אדר-א', שנת תשע"ט לפ"ק | שנה 8, גליון 24 (384)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"א) **ר'אשׁ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל** אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי" אוּן פַארְקֶערְט, **רְ'שָׁעִים בְּ'חֹשֶׁךְ יִ'דָּמּוּ** (שְׁמוּאֵל א' ב'), אִיז אוֹיךְ רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן קַיין רְשָׁעִים. בֵּיידֶע רֶבִּי'ס זֶענֶען צַדִּיקִים, דִי חִילוּק אִיז נָאר בַּיי דִי חֲסִידִים, אֵיין רֶבִּי אִיז בַּיי אִים "**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**", עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵּק, אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן אַז יֶעדֶער אִיד קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הֵייבְּט עֶר אוֹיף זֵייעֶרֶע קֶעפּ.

ווִידֶער אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע רֶבִּי, אֲפִילוּ עֶר אִיז אוֹיךְ אַ צַדִּיק, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט דִי כֹּחַ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע חֲסִידִים זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זַיין צַדִּיקִים, אוּן דֶערְפַאר אִיז "**רְשָׁעִים בְּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ**", דִי חֲסִידִים בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר רִשְׁעוּת, מִיט זֵייעֶר חוֹשֶׁךְ, אוּן מִיט זֵייעֶרֶע דִמְיוֹנוֹת.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זוּכְן אַזַא צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ תִשָּׂא תש"ם לפ"ק)

***

**וַהֲסִרֹתִי אֶת כַּפִּי וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דוּ וֶועסְט מִיר זֶען פוּן הוּנְטְן אוּן נִישְׁט פוּן פָארְנְט,

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, קֶען עֶר אַלֶעס פַארְנֶעמֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, ווֵייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הַרְאֵנִי נָא אֶת כְּבֹדֶךָ**", אִיךְ ווִיל גְלַייךְ זֶען אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן. הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "דָאס קֶען נִישְׁט זַיין", ווַייל ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, מוּז עֶר הָאבְּן אַ בְּחִירָה, עֶר זָאל קֶענֶען אַלֵיינְס אוֹיסְוֶועלְן צוּ גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ**, דוּ וֶועסְט נָאר זֶען פוּן הוּנְטְן, דָאס מֵיינְט אַז נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ זֶען אוֹיף צוּרִיק, אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען גוּט, אָבֶּער פוּן פָארְאוֹיס וֶועט עֶס אוֹיסְזֶען אַסַאךְ מָאל שְׁלֶעכְט, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ דַארְפְן שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה כִּי תִשָּׂא ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גְלֵייבּ אִים נִישְׁט!

אֵיינְמָאל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ בַּעַל דַרְשָׁן צוּ דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זי"ע אַז עֶר זָאל קֶענֶען הַאלְטְן אַ דְרָשָׁה אִין דִי שְׁטָאטִישֶׁע שׁוּל, אַזוֹי וִוי עֶר נוֹיטִיגְט זִיךְ יֶעצְט זֵייעֶר אִין גֶעלְט פַאר הַכְנָסַת כַּלָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט אִים בִּתְנַאי אַז עֶר וֶועט נִישְׁט רֶעדְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶס אוֹיף אִידְן, אוּן דֶער בַּעַל דַרְשָׁן הָאט זִיךְ דָאס אוּנְטֶער גֶענוּמֶען. לְמַעֲשֶׂה וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דִי דְרָשָׁה הָאט עֶר פַארְגֶעסְן פוּן זַיין צוּזָאג, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן שַׁארְפֶע דִבְרֵי מוּסָר פַארְן עוֹלָם אַז מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעעֶפֶענְט דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! גְלֵייבּ אִים נִישְׁט, עֶר אִיז דָאךְ נָאר אֵיין עֵדוּת, אוּן אֵיין עֵדוּת אִיז נִישְׁט בַּאגְלֵייבְּט. בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ אִים גֶענוּג גֶעלְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן רֶעדְן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער"...

אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַזַא בַּעַל דַרְשָׁן אוּן מוּסָר זָאגֶער, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ר' יוֹסֵף מוֹכִיחַ, עֶר פְלֶעגְט אַרוּם פָארְן אִין דִי שְׁטֶעט צוּ זָאגְן מוּסָר, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר


<<<<<<


## א גוט ווארט

**אַז דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה טוּט**

דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן צז): "מִי שֶׁאֵין לוֹ פַּרְנָסָה יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה וְאַחַר כָּךְ יִתְפַּלֵּל עַל פַּרְנָסָה, בְּוַדַּאי יִתְקַבֵּל תְּפִלָּתוֹ", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער צוּ הֶערְן זַיין גֶעבֶּעט.

זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן, נָאךְ יֶעדֶע פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט; אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר עֶנְג. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר מַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר שֶׁפַע", וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פּ' כִּי תִשָּׂא תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## זָאל אַ טַאטֶע לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע בָּחוּרִים ?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס צוּ טוּן וֶועגְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע בָּחוּרִים. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט וֶוען מַיין טַאטֶע הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַן עֶכְטֶער נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ וָואס וִויל בֶּאֱמֶת נָאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ מוּז טַאקֶע לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע בָּחוּרִים, אָדֶער זָאל אִיךְ זֵיי לָאזְן אַלֵיין אוֹיפְוַואקְסְן.

אִיךְ רֶעד דַוְקָא פוּן בָּחוּרִים, וַוייל אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מִיט קִינְדֶער פֶּעלְט יָא אוֹיס צוּ לֶערְנֶען.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, וּבִפְרַט פַאר דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו.**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ח' אָדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, בִּפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען דִי וֶועלְט אִיז בְּרֵייט אָפְן וְכוּ'.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט גֶעבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם כְּלַל: "מֶען דַארְף קוֹדֶם זִיךְ אַלֵיינְס מְחַנֵךְ זַיין"; וַוייז פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בַּיישְׁפִּיל אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן. צוּם בַּיישְׁפִּיל, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ' אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁרַייעֶן קַיין נִיבּוּל פֶּה - נִישְׁט דוּ אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן נִישְׁט דַיין וַוייבּ אוֹיף דִיר, כְּדֵי דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זֶען וִוי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. זֶע אַז עֶס זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ; עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם עַצְבוּת אוּן כַּעַס אִין שְׁטוּבּ וְכוּ' - דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער. וַוייל קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ זֵייעֶר עֶלְטֶערְן, וָואס זֵיי זֶעעֶן בַּיי דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע וֶועלְן זֵיי נָאכְטוּן, אוּן וָואס זֵיי הֶערְן רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ רֶעדְן זֵיי נָאכְדֶעם אוֹיפְן גַאס, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵיהּ", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט - הָאט עֶר גֶעהֶערְט אָדֶער פוּן זַיין טַאטֶע אָדֶער פוּן זַיין מַאמֶע; דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער כְּלַל אִין חִינוּךְ: צוּ זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בַּיישְׁפִּיל, וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען וִויל דֶער קִינְד זָאל לֶערְנֶען דַארְף דֶער טַאטֶע לֶערְנֶען וֶועט דֶער

<<<<<<

>>>>>>

שְׁטַארְק פַארְהַאלְטְן מֶענְטְשְׁן אוֹיף זֵייעֶרֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ מָסוּר וָואס הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט דִי אִידְן פוּן שְׁטָאט, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלִיטְן פוּן אִים, דֶער ר' יוֹסֵף מוֹכִיחַ אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם מָסוּר אוּן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר טוּט, אָבֶּער אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל וֶוערְן בֶּעסֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן נָאךְ מֶער אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אָנְצוּטוּן נָאךְ גְרֶעסֶערֶע צָרוֹת פַאר דִי אִידְן אוּן שְׁטָאט.

עֶס זֶענֶען דוּרְךְ גֶעלָאפְן אַסַאךְ יָארְן, דֶער מָסוּר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן ר' יוֹסֵף מוֹכִיחַ אִיז שׁוֹין אוֹיךְ נִפְטָר גֶעוָוארְן. אוּן ר' יוּדְל, אַ זוּן פוּן דֶעם ר' יוֹסֵף מוֹכִיחַ, אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אִין אַן עֶרֶב שַׁבָּת, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ זַיין שְׁטָאט פַאר שַׁבָּת, הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט צוּ בְּלַייבְּן אוֹיף שַׁבָּת אִין דֶעם דֶערְפְל וואוּ עֶר אִיז דַאן גֶעוֶוען.

דָארְט אִין דֶעם דֶערְפְל הָאט גֶעווְאוֹינְט אַ אִיד, אוּן ר' יוּדְל הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיד אוֹיבּ עֶר קֶען אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אוֹיף שַׁבָּת, דֶער אִיד הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט אִים גֶערְן אַרַיין אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פִישׁ אוֹיף שַׁבָּת, אוּן פְלֵיישׁ וֶועט זִיךְ ר' יוּדְל זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיפְן אָרְטִיגְן שׁוֹחֵט, אוּן דֶערְפַאר וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן צוּפִיל צוּ עֶסְן שַׁבָּת.

הָאט ר' יוּדְל גֶעקְלֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ אַרִיבֶּער כַאפְּן צוּם אַנְדֶערְן דָארְף, נִישְׁט וַוייט פוּן דָארְט, אוּן דָארְט וֶועט עֶר זִיכֶער קֶענֶען טְרֶעפְן פִישׁ אוֹיף שַׁבָּת. אָבֶּער אָנְצוּקוּמֶען צוּם צְוֵוייטְן דָארְף הָאט מֶען גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּער גֵיין אַ קְלֵיין טַייכְל, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וִוי אַ קְלֵיינֶער טַייךְ נִישְׁט צוּ טִיף, אוּן ר' יוּדְל הָאט גֶעטְרַאכְט אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דֶעם טַייךְ מִיט דִי פִיס, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַרַיינְלֵייגְן זַיין פוּס אִין וַואסֶער, אִיז אַ הוּנְט אַרַיין גֶעטַאנְצְן אִין דֶעם וַואסֶער אוּן ר' יוּדְל הָאט גֶעזֶען וִוי דִי וַואסֶער פַארְשְׁוֶועמְט דֶעם הוּנְט, אוּן דֶער הוּנְט אִיז דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן. וֶוען ר' יוּדְל הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען פַאר פְרֵייד אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז עֶר הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַ זִיכֶערֶער טוֹיט, וַוייל וֶוען עֶר וָואלְט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין טַייךְ וָואלְט עֶר אוֹיךְ דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, וַוייל דֶער טַייךְ אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ טִיפֶער וִוי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פוּן דְרוֹיסְן.

לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזְט צוּרִיק קֶערְן צוּ זַיין שַׁבָּת בַּיי דֶעם אִיד פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דֶערְפְל, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעבֶּעטְן דֶעם אִיד אוֹיבּ עֶר קֶען אִים טוּן אַ חֶסֶד אוּן אַרוּם גֵיין אִין שְׁטָאט זוּכְן אוֹיבּ עֶר קֶען טְרֶעפְן עֶרְגֶעץ פִישׁ. דֶער אִיד הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן טַייךְ, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער כַאפְּט דָארְט גָאר אַ גְרוֹיסֶע פִישׁ, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן יֶענֶעם אַז עֶר זָאל אִים פַארְקוֹיפְן דִי פִישׁ, וֶוען יֶענֶער הָאט אִים דָאס פַארְקוֹיפְט אִיז עֶר שְׁנֶעל אַהֵיים גֶעלָאפְן דֶערְמִיט אוּן עֶס גֶעשְׁטֶעלְט צוּ קָאכְן, אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייט אַז עֶר הָאט מִיט וָואס מְכַבֵּד צוּ זַיין דֶעם חָשׁוּבְ'ן גַאסְט.

פְרַייטָאג-צוּ-נַאכְטְס בַּיים זִינְגֶען זְמִירוֹת פַאר דִי סְעוּדָה הָאט ר' יוּדְל אַיינְגֶעדְרִימְלְט זַייעֶנְדִיג אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע וֶועג, אוּן זַיין טַאטֶע ר' יוֹסֵף מוֹכִיחַ אִיז אִים גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט: "מַיין קִינְד, דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ בִּין מְגוּלְגָל אִין דֶעם פִישׁ, אוּן דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט מְגוּלְגָל וֶוערְן אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט מוּסָר פַאר דֶעם מָסוּר אוֹיף דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן נָאךְ אַסַאךְ עֶרְגֶער, אוּן דֶער מָסוּר אִיז מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן אִין דֶעם הוּנְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעזֶען זִיךְ טְרֶענְקֶען אִין טַייךְ. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין תִּיקוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי נֵס וָואס עֶס אִיז דִיר גֶעשֶׁען, אוּן יֶעצְט זֶע צוּ עֶסְן דֶעם פִישׁ מִיט כַּוָּונָה אַז אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען מַיין תִּיקוּן".

וֶוען ר' יוּדְל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט אִים אַזוֹי גֶעפִירְט אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בְּלַייבְּן אוֹיף שַׁבָּת אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן זֶען דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען.

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי הַארְבְּקֵייט פוּן זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן. וֶוען אֵיינֶער וִויל מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ, עֶר וִויל יָא זָאגְן מוּסָר, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג נָאר צוּ רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה וְהִתְחַזְּקוּת, צוּ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי טוּעֶן יָא, אוּן דָאס וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיין אוֹיפְוֶועקְן דִי מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער פּוֹעֶלְ'ט מֶען אֵייבִּיג, אוּן אוֹיבּ זֶעט מֶען אַמָאל אַז מֶען הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט מִיט אַ שַׁארְפֶע וֶועג, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מִיט גוּטְנְס וָואלְט מֶען מֶער גֶע'פּוֹעֶלְ'ט". אוּן דֶערְפַאר אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן אוּן זֵיי מוּסָר'ן דֶערוֹיף, דַארְף מֶען עֶנְדֶערְשׁ רֶעדְן נָאר פוּן דִי גוּטְס וָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן, אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן צוּ טוּן מֶער גוּטֶע זַאכְן, צוּ טוּן מֶער מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן דַאן וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס אַוֶועק פַאלְן פוּן זִיךְ אַלֵיין. דִי סָארְט מוּסָר וֶועט אַסַאךְ מֶער אוֹיפְטוּן, דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפָן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' וְחֵלֶק ט' עֶרֶךְ תּוֹכָחָה)

**מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער פּוֹעֶלְ'ט מֶען אֵייבִּיג, אוּן אוֹיבּ זֶעט מֶען אַמָאל אַז מֶען הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט מִיט אַ שַׁארְפֶע וֶועג, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מִיט גוּטְנְס וָואלְט מֶען מֶער גֶע'פּוֹעֶלְ'ט...**

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (כא)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְּרִיעֶר: אַלְס יוּנְגֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וִויסְן דֶערְפוּן.**

קיא

בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן אִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט. נָאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן זַ״ל, דֶער עֶרְשְׁטֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי׳ן, הָאט גֶעוואוּסְט פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס גְרוֹיסְקֵייט, אוּן עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן פוּן צַייט צוּ צַייט.

דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעפִירְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען דֶעם רֶבִּינְ׳ס שְׁוֶוער, רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ״ל, הָאט גֶעהַאט יָארְצַייט נָאךְ זַיין טַאטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם דָארְף אַלֶכְּסַנְדֶערִיוְקֶע, וָואס אִיז נֶעבְּן אוֹסְיַאטִין, אוּן עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי׳ן אַהִין.

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דָארְט אִין שׁוּל, אוּן דִי אִינְגֶעלַייט דָארְט הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי׳ן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן עֶר אִיז זֵיי זֵייעֶר גֶעפָאלְן, הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זִיךְ אַרַיינְלָאזְן אִין אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִים, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִיטְ׳ן פָּנִים צוּם וַואנְט אוּן נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם.

נָאכְ׳ן דַאוְוענֶען הָאט רֶבִּי אֶפְרַיִם גֶעגֶעבְּן בְּרוֹינְפְן פַאר תִּיקוּן לְעִילוּי נִשְׁמַת, אַזוֹי וִוי סְ׳אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַ יָארְצַייט, אוּן דִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי אֶפְרַיִם עֶר זָאל הֵייסְן זַיין אֵיידֶעם לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת לְעִילוּי נִשְׁמַת, אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַ מִשְׁנַיוֹת צוּ לֶערְנֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעלֵייגְט אוֹיפְ׳ן שְׁטֶענְדֶער אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר זֵייעֶר לַאנְג.

דִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעוַוארְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט מַאכְן אַ לְחַיִים מִיט אִים, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי הָאפְנְטְלִיךְ קֶענֶען עֶפֶּעס שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים. וֶוען זֵיי הָאבְּן אָבֶּער גֶעזֶען אַז סְ׳נֶעמְט שׁוֹין צוּ לַאנְג, הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן רֶבִּי אֶפְרַיִם עֶר זָאל זָאגְן פַארְ׳ן אֵיידֶעם עֶר זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן לֶערְנֶען.

רֶבִּי אֶפְרַיִם הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט זַיין הַאנְט אִיבֶּער זַיין שְׁוֶוער׳ס פָּנִים, אוּן רֶבִּי אֶפְרַיִם אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן חַלָשׁוּת. מֶען הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶענוּמֶען אִים דֶערְמִינְטֶערְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט זַיין הַאנְט אוֹיף זַיין פָּנִים, הָאט עֶר גֶעזֶען זַיין טַאטֶע, דֶער נִפְטָר נָאךְ וֶועמֶען עֶר הָאט יָארְצַייט הַיינְט, שְׁטֵייט פַאר אִים, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן אוּן גֶעזָאגְט, ״אַזַא אֵיידֶעם וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט, אוּן דוּ הֵייסְט אִים נָאךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת?!״, אוּן פוּן גְרוֹיס פַּחַד, זֶעעֶנְדִיג דֶעם נִפְטָר פַאר זִיךְ, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט גֶע׳חַלְשְׁ׳ט.

פוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקַאנְט צוּ וֶוערְן אַז עֶר אִיז פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקֵי הַדוֹר, אוּן פִילֶע אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן צוּ אִים, אוּן זֶענֶען דֶערְנֶענְטֶערְט גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ אִים.

קיב

צְווִישְׁן דִי עֶרְשְׁטֶע מְקוֹרָבִים פוּן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי יְקוּתִיאֵל לַאנְדָא זַ״ל, דֶער טִירְהָאוִויצֶער מַגִיד. דֶער מַגִיד הָאט גֶעהַאט אַ פָּאסְטְן פוּן מַגִידוּת אוֹיף פִינְף אוּן אַכְצִיג שְׁטֶעט, צַדִיקִים פְלֶעגְן אִים רוּפְן ״דֶער גְרֶענִיץ וֶועכְטֶער״, וַוייל זַיין שְׁטָאט טִירְהָאוִויץ אִיז גֶעוֶוען בַּיים גְרֶענִיץ צְווִישְׁן דֶער גֶעגְנְט פוּן חֶערְסוֹן אוּן קִיוּב, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיפְ׳ן גְרֶענִיץ, עֶר לָאזְט נִישְׁט צוּ אַז דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן חֶערְסוֹן זָאל זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייטְן קַיין קִיוּב.

קיג

זַיין סֵדֶר פְלֶעגְט זַיין אַז עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן זָאגְן דְרָשׁוֹת אִין אַלֶע זַיינֶע שְׁטֶעט, אוּן עֶר פְלֶעגְט אָנְקוּמֶען אֵיינְמָאל אַ יָאר צוּ יֶעדְן שְׁטָאט אָדֶער דָארְף. אוּן סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז וֶוען דֶער מַגִיד הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ קוּמֶען צוּ אַ שְׁטָאט

<<<<<<

>>>>>>

קִינְד שׁוֹין מְמֵילָא לֶערְנֶען.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע צִי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען בְּחַבְרוּתָא מִיט דַיינֶע בָּחוּרִים; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם בְּאוֹפֶן כְּלָלִי וַוייל יֶעדֶעס קִינְד אִיז אַ וֶועלְט פַאר זִיךְ. עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן לִיבּ צוּ לֶערְנֶען מִיטְ׳ן טַאטְן, זֵיי ווִילְן אַלְץ לֶערְנֶען נָאךְ שִׁיעוּרִים, ווִידֶערְאוּם זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן וְכוּ׳, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין זֵייעֶר נַאטוּר, אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער אַז אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דַיין קִינְד זָאל לֶערְנֶען, זָאלְסְטוּ אַלֵיינְס לֶערְנֶען וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶערְנֶען.

צְוֵוייטְנְס דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז אוֹיבּ מֶען וִויל עֶפֶּעס פּוֹעֶלְ׳ן בַּיים קִינְד דַארְף מֶען דָאס אִים אַרַיין בְּרֶענְגֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט. מִיט כֹּחַ קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף זֵיי, וַוייל דָאס מַאכְט אַז שְׁפֶּעטֶער זָאלְן זֵיי דָאס פַיינְט הָאבְּן וְכוּ׳, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ בַּאצְווִינְגֶען אַ קִינְד.

אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן וֶועג הָאט עֶר גֶע׳חַזְרְ׳ט מִיט זַיין קִינְד: ״אוֹיבּ דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר מְכַבֵּד זַיין מִיט טְרִינְקֶען זָאלְסְטוּ זָאגְן ׳סַבְרִי מָרָנָן׳ וְכוּ׳״. אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאט עֶר אִים גֶעלֵייגְט לַחַץ אוּן גֶעזָאגְט: ״גֶעדֶענְקְזְשֶׁע!! גֶעדֶענְקְזְשֶׁע!!״. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן פַארְ׳ן קִינְד דֶעם בֶּעכֶער, הָאט דָאס קִינְד – אַנְשְׁטָאט זָאגְן סַבְרִי מָרָנָן – אָנְגֶעהוֹיבְּן ״גֶעדֶענְקְזְשֶׁע!!״...

הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם טַאטְן דִי שִׂיחָה (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תלב): ״מַה שֶׁהַמְלַמְדִים דוֹחֲקִים אֶת הַתִּינוֹק בְּיוֹתֵר, עַל יְדֵי זֶה אֵינוֹ יוֹדֵעַ הַתִּינוֹק כְּלָל״, דָאס וָואס מֶען דְרוּקְט אוֹיפְן קִינְד, דוּרְךְ דֶעם וֵוייסְט דֶער קִינְד גָארְנִישְׁט, ״רַק צְרִיכִין לִהְיוֹת אוּמָן גָדוֹל בָּזֶה לְלַמֵד אֶת הַתִּינוֹק בְּהַדְרָגָה בְּלִי אִיּוּם הַרְבֵּה, וּבְלִי דֹחַק יוֹתֵר וְכוּ׳, וְעַל יְדֵי זֶה יִתְפֹּס יוֹתֵר בְּנָקֵל״, מֶען דַארְף זַיין אַ חָכָם צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט מִיטְן קִינְד שְׁטַייטְלֶעךְ, צוּבִּיסְלֶעךְ, אָן לֵייגְן אוֹיפְן קִינְד אַ פַּחַד אוּן אָן לֵייגְן דְרִיק, אַזוֹי וֶועט עֶר עֶס בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶע׳חַזְרְ׳ט מִיט דַיין זוּן אַבִּיסְל וֵוייניגֶער מָאל אוּן אָן קַיין דְרִיק וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט זָאגְן דֶעם ׳סַבְרִי מָרָנָן׳, נָאר פוּן אַזוֹיפִיל מָאל אִיבֶּער זָאגְן ׳גֶעדֶענְקְזְשֶׁע׳, ׳גֶעדֶענְקְזְשֶׁע׳, ׳גֶעדֶענְקְזְשֶׁע׳, פוּן גְרוֹיס פַּחַד גֶעדֶענְקְט עֶר נָאר דָאס וָוארְט ׳גֶעדֶענְקְזְשֶׁע׳״.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.**

BreslevCenter.com\answers




**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט״א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס ״עצתו אמונה״.**

## הדרן עלך ששה סדרי תוספתא!

עס איז גרויס די פרייד ביי אלע אנשי שלומינו אז מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף האט מען די וואך געענדיגט צום אכצנטע מאל **ששה סדרי תוספתא**, און דעם דאנערשטאג האט מען אנגעהויבן די ניינצנטע מחזור אין תוספתא.

שוין אסאך יארן וואס ס׳איז איינגעפירט ביי אנשי שלומינו צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון תלמוד בבלי און א דף פון תלמוד ירושלמי, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין די לוח ברסלב.

אין יאר תשנ״ח לפ״ק אינעם יום טוב שבועות, דער טאג וואס מיר זענען מקבל די תורה פון דאסניי, האט מוהרא״ש צוגעלייגט אז מען זאל אויך לערנען יעדן טאג א פרק פון תוספתא, און מיט דעם האט מען א גאנצע **״בית״, ב**׳בלי **י**׳רושלמי **ת**׳וספתא.

מען זעהט אז בגשמיות זוכט יעדער צו האבן א שיינע געשמאקע גרויסע הויז פאר זיך און פאר די משפחה מיט ישוב הדעת, און אזוי זאגן חז״ל (סוכה נ״ז:) אז א דירה נאה איז איינס פון די זאכן וואס זענען מרחיבין דעתו של אדם. און אויב אזוי דארף דאך א מענטש זיכער זוכן אז ער זאל האבן א שיינע גוטע הויז אויך אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט אויף אייביג, און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג **ב**׳בלי **י**׳רושלמי און **ת**׳וספתא, וואס איז די ראשי תיבות **״בית״**, און מען גייט עס איבער איין מאל און נאכאמאל, מיט דעם בויעט מען זיך אויף א שיינע הערליכע געשמאקע הויז אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט פארן מענטש אויף אייביג.

מען זעט ליידער מענטשן וואס עס קען זיי דורכגיין די גאנצע זיבעציג יאר און זיי האבן נישט זוכה געווען אפילו איין מאל אדורך צו גיין און ענדיגן בבלי ירושלמי און תוספתא, און זיי גייען אוועק פון די וועלט אן קיין תורה, און עס איז א גרויס רחמנות אויף זייערע נשמות. דעריבער דארף מען האבן שכל און זעהן אריינצוכאפן צו לערנען יעדן טאג כאטש א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא, און מיט גרייט מען זיך אן גוטע שפעזן מיטצונעמען אויף יענע וועלט.

דער נייער מחזור אין תוספתא האט געברענגט א פרישע חשק פאר פילע אנשי שלומינו זיך אנצושליסן אין די לימודים. יעדע וואך ווערט געדרוקט דער קונטרס ״בי״ת נצחי״, אין וואס עס איז אריינגעדרוקט די דריי לימודים פאר די גאנצע וואך, און אזוי קען מען עס גרינגערהייט מיטנעמען וואו מען גייט נאר, און אזוי וועט מען נישט פארפאסן א טאג אן די לימודים. דער קונטרס איז דא צו באקומען יעדע וואך ביי די ״קרן הדפסה היכל הקודש״ אינעם בנין הישיבה אין וויליאמסבורג.

**גדול יהיה כבוד הבי״ת הזה!**

>>>>>>

זָאגְן אַ דְרָשָׁה, פְלֶעגְט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אָנְטוּן בִּגְדֵי שַׁבָּת, מְ'הָאט פַארְשְׁלָאסְן אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן מְ'פְלֶעגְט אַרוֹיסְגֵיין אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מִיט גְרוֹיס פְרֵייד. דִי אָרְטִיגֶע שׁוֹחֲטִים פְלֶעגְן אִים וַוייזְן זֵייעֶרֶע מֶעסֶערְס, אוּן דִי רַבָּנִים הָאט זִיךְ דוּרְכְגֶערֶעדְט מִיט אִים זֵייעֶרֶע עִנְיָנִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. וַוייל יֶעדֶער הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, אוּן עֶר פְלֶעגְט בַּאוַוייזְן גְרוֹיסֶע ווָאוּנְדֶער.

דֶער מַגִיד הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ נָאנְטֶער חַבֵר מִיטְ'ן גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ מִנְהָג פַאר אַסַאךְ יָארְן אַז זֵיי פְלֶעגְן פָארְן יֶעדֶעס יָאר אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן. אֵיין יָאר אִיז דֶער מַגִיד גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי נָחוּם זי"ע אוּן דִי צְוֵוייטֶע יָאר אִיז רֶבִּי נָחוּם זי"ע גֶעקוּמֶען צוּ אִים. שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט פְלֶעגְן זֵיי טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם אַ גַאנְצֶע נַאכְט אָן קַיין הֶפְסֵק. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע אִיז אַלְט גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ טַאנְצְן אַזוֹי פִיל, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אִינְמִיטְן אוּן אִיבֶּערְגֶעבְּן דָאס טַאנְצְן פַאר זַיין זוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע אַז עֶר זָאל טַאנְצְן מִיטְ'ן מַגִיד.

אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט אוּן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט גֶענוּמֶען פוּן אִים אַן הַסְכָּמָה אוֹיף זַיין סִידוּר ווָאס עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט.

קיד

אַזוֹי וִוי דֶער דָארְף אוּסְיַאטִין הָאט אוֹיךְ בַּאלַאנְגְט צוּ זַיין מַגִידוּת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז פּוּנְקְט דֶעמָאלְט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי צַייט וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט קוּמֶען זָאגְן מַגִידוּת אִין אוּסְיַאטִין, אוּן יֶעדֶער אִיז אַרוֹיס אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, הָאט מֶען אִים דַאן דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דֶעם פְרִישְׁן צַדִיק ווָאס אִיז יֶעצְט נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן. אוּן כָאטְשׁ ווָאס עֶר אִיז גֶעוֶוען הִיבְּשׁ עֶלְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, אִיבֶּער פֶערְצִיג יָאר עֶלְטֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אוּנְטֶער דִי צְוָואנְצִיג, הָאט עֶר אָבֶּער גֶעקְלֶערְט אַז עֶר וֶועט גֵיין זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוּן זֶען ווָאס דֶער רֶבִּי הָאט צוּ פַארְקוֹיפְן.

עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶערֶעדְט מִיט אִים, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי'ן, אַז עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר וֶועט זַיין אַ חָסִיד אוּן תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אַז אַן עֶלְטֶערֶער צַדִיק ווָאס אִיז בְּרֵייט בַּאקַאנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, זָאל נִתְקָרֵב וֶוערְן צוּ אַזַא יוּנְגֶען אִינְגֶערְמַאן.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער מַגִיד גֶעפָארְן אִין וֶועג אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין חַבֵר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע, זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, ווָאס דֶער רֶבִּי אִיז דַאן דָארְט גֶעוֶוען, הָאט דֶער מַגִיד גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי נָחוּם זי"ע אַז עֶר זָאל אַרַיינְקוּמֶען אִין שְׁטָאט וַוייל עֶר ווִיל אִים וַוייזְן זַיין רֶבִּי'ן.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים דֶער פָּסוּק ווָאס שְׁטֵייט אוֹיף דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל-א ט"ז,י"ב) אַז עֶר אִיז "יְפֵה עֵינַיִם וְטוֹב רֹאִי", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס ווָאס סְ'שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כ',י"ז) "וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ", אִיר זָאלְט הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיפְ'ן פָּנִים נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם אִינְגֶערְמַאן.

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק" - פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע ווָאךְ אי"ה

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פרישע אפטיילונגען אויף "קול ברסלב" ציען גרויס אינטערעסע

די ליניעס פונעם טעלעפאן ליין "קול ברסלב" ווערן פארפלייצט טאג טעגליך מיט צענדליגע טויזנטער רופן פון איבער די גאנצע וועלט, פון אידן וועלכע ווילן שעפן חיזוק און עצות פון הייליגן רבי'ן. די פילע אפטיילונגען אויפ'ן ליין, די פילע דרשות, שיעורים, ניגונים, און נאך פיל מער, זענען א קוואל פון לעבן פאר אזויפיל אידן וואס זוכן אביסל ליכטיגקייט און ווארעמקייט, זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן און צו מצליח זיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

אין די לעצטע שטיק צייט איז צוגעלייגט געווארן נאך פארשידענע אפטיילונגען אויפ'ן ליין, וואס האט געצויגן גרויס אינטערעסע ביי אידן, וועלכע האבן זייער הנאה דערפון.

צום ערשט איז די וואך געעפנט געווארן די נייע אפטיילונג "פאמיליע ווינקל", כשמו כן הוא א געשמאקע ווינקל וואו די גאנצע פאמיליע קען הנאה האבן, דארט געפונט זיך די "מעשיות פון תפלה", ווי אידן דערציילן זייערע פערזענליכע איבערלעבענישן, ווי אזוי זיי האבן געהאט א פראבלעם, און זיי האבן מתפלל געווען און געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן. דאס איז איינגעטיילט באזונדער פאר אינגעלייט, פאר בחורים, און פאר אינגלעך.

אינעם "פאמיליע ווינקל" קען מען אויך הערן די הייליגע מעשיות פון רבי'ן, פון ספר הקדוש ספורי מעשיות, דערציילט אויף גאר א געשמאקע פארנעם פאר קינדער, פון וואס די קינדער זענען זיך זייער מחי', ווי אויך איז דא אן אפטיילונג פון ספורי צדיקים, וואו מ'קען הערן גאר הערליכע מעשיות פון צדיקים דערציילט דורך חשובע מלמדים פאר קינדער, פול מיט יראת שמים און מדות טובות, און גאר שיין און געשמאק ארויסגעלייגט אז די קינדער זאלן הנאה האבן.

די "פאמיליע ווינקל", וואס איז פלאצירט אויף נומער 7 פון די מעין מעניו, האט געמאכט א שטורעם ביים היימישן עולם, און האט געצויגן צו זיך טויזנטער מענטשן וואס קומען אריין צו הערן טעגליך די פרישע פערזענליכע מעשיות ווי אזוי אידן ווערן געהאלפן פשוט דורכ'ן בעטן דעם אייבערשטן. עס קאסט נישט קיין געלט, עס קאסט נישט קיין כח, נאר מ'נוצט די אור אלטע אויסגעפרואוווטע סגולה ביי כלל ישראל, צו בעטן דעם אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, יעדער בעט דעם אייבערשטן אויף זיינע זאכן, און מ'שעפט גרויס חיזוק פון דעם צו זען אז ממש אויף יעדע זאך קען מען בעטן דעם אייבערשטן, און מ'ווערט געהאלפן ממש וואונדערליך.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט צוגעלייגט ווערן מיט די צייט נאך פארשידענע אינטערעסאנטע זאכן צום "פאמיליע ווינקל".

צו די זעלבע צייט איז געעפנט געווארן נאך אפטיילונגען אויפ'ן סיסטעם. אויף נומער 6 פון די מעין מעניו איז געשטעלט געווארן דער אפטיילונג פון "שיעורים כסדרן מיטצוזאגן", אזוי ווי פילע אידן לערנען אויפ'ן סדר דרך הלימוד, צו זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, ובפרט צו זאגן משניות און תהלים, קען מען אויף דעם אפטיילונג הערן פארגעזאגט משניות און תהלים אויף גאר א געשמאקן בא'טעמ'טן פארנעם, אז מ'זאל עס קענען מיטזאגן סיי ווען, ביים פארן אויפ'ן וועג אדער ביי די ארבעט, אדער סיי ווי א מענטש האט נישט א ספר צו די האנט, קען ער אריינרופן און מיטזאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה.

דער אפטיילונג האלט נאך אינמיטן ווערן אפדעיטעט, משניות קען מען שוין הערן גאנץ סדר זרעים, און א גרויס חלק פון סדר מועד, און תהלים קען מען שוין הערן ביז קאפיטל ק', און עס ווערט כסדר צוגעלייגט נאך און נאך.

משניות קען מען הערן איינגעטיילט סיי לויט די מסכתות, און אויך לויט'ן סדר פון ח"י פרקים א טאג, וואס אויף דעם וועג ענדיגט מען גאנץ ששה סדרי משנה יעדן חודש. תהלים איז אויך איינגעטיילט סיי לויט די קאפיטלעך, און סיי לויט'ן יום השבוע, צו קענען ענדיגן תהלים יעדע וואך. גלייכצייטיג קען מען דארט אויך מיטזאגן תיקון הכללי, תפלת הדרך, און פרשת המן. עס איז ערווארטעט צו ווערן צוגעלייגט נאך זאכן פון וואס מענטשן וועלן זייער הנאה האבן.

ביי נומער 2 פון די מעין מעניו, ביי די שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א, איז אויך געווארן צוגעלייגט נאך 2 קנעפלעך. איינס איז אויף 2 און דערנאך 10 וואו מ'קען הערן שיעורים אויף חינוך פונעם ראש ישיבה שליט"א, מ'קען דארט הערן קורצערע שיעורים אין חינוך, ארויסגענומען פון די גמרא שיעורים, ווען דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אסאך מאל דברי חיזוק והדרכה פאר די מלמדים נאכ'ן טעגליכן גמרא שיעור. און אויך קען מען הערן לענגערע שיעורים אין חינוך וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט פון צייט צו צייט.

אויף 2 און דערנאך 11 איז דא די אפטיילונג פון בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א, מ'קען דארט הערן פארגעליינט שאלות ותשובות און בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א, פול מיט עצות און חיזוק צו יעדן מצב.

דאס אלעס איז אין צוגאב צו די ביז יעצטיגע ברייטע אויסוואלן אויפ'ן ליין. אויב האט איר נאכנישט אויספרובירט דעם ליין, איז יעצט די צייט דאס צו טון, איר וועט זיך מחיה זיין מיט יעדע אויסוואל באזונדער, און האבן א געוואלדיגע ניצן דערפון אין אלע אספעקטן אין לעבן.

**ישמע חכם ויוסף לקח!**


## יישר כח!

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר אלע אידן
וועלכע האבן מתפלל געווען פאר

**יצחק בן אהובה שושנה**

**לרפואה שלימה בקרוב**

אין דעם זכות איז ער ב"ה ארויס פונעם מצב סכנה, און מ'בעט אז מ'זאל ווייטער מתפלל זיין פאר אים פאר א גענצליכע רפואה שלימה בקרוב

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך >** 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**